# רויך.

(געווידמעט דעם אנדענק פון י. ל. פרץ).

א.

פון ערשטען ציה איז ער געווארען טונקעל־רויט, ווי ער וואלט אויפגעהויבען א משא, און איז זיך פערגאנגען אין א שווערען הוסט. אבער „גרויסע" האבען ד א ך גערויכערט: עפעס מוז זיין דערין. ער האט זיך פער'עקשנ'ט — און זיך צוגעוועהנט.

דער פאטער איז געווען אן ארעמער מלמד, און דערצו טארען יונגלעך ניט רויכערן — האט ער געקליבען „שטיקלעך".

שפעטער, לערנענדיג אין קלויז, האט ער שוין עפטער געהאט א פעקעל טאבאק. ער האט קיינעם קיינמאל נישט אבגעזאגט א ציגאר־טיטון ווען ער האט געהאט, און זיך נישט געשעמט צו בעטען ווען ער האט נישט געהאט.

ער האט געהייסען מנשה.

פון קלויז האט מען איהם גענומען פאר אן איידעם צו ר' שואל מאראוואנער. ר' שואל איז פערזענליך געקומען מיט'ן שדכן אין קלויז אריין. דער גרויסער יוד מיט די אראבגעהאנגענע ברעמען האט א ווײלע בעקוקט מנשה'ן שווייגענדיג. דער בחור איז הויך, ברייטליך און קרעפטיג. דער חסידיש־סוחר'ישער האלב־לאנגער סורדוט וועט איהם פאסען אויסגעצייכענט. ר' שואל האט א קוק געטהון צו'ן איהם אין ספר, געשטעלט א פאר פראגען, פערפיהרט א שמועס סתם אין דער וועלט אריין, און געהארכט מיט געשפיצטע אויערען און קוקענדיג אן א זייט דעם בחור'ס בעשיידענע, א ביסעל קירצליכע בעמערקונגען. דעם שמועס האט ער אבגעבראכען אינמיטען, אויפשטעהענדיג פון דער לאנגער באנק:

— נעהם דיינע תפלין. —

ב.

אין איינער פון די אינטימסטע מינוטען האט איהם דאס ווייבעל געפרעגט:

— וואס פאר א טעם, אשטיינער, פיהלסטו אין דיין טיטון? גיב מיר א ציה טהון — לאמיך אויך וויסען.

ער האט ארויסגענומען פון זיין מויל דעם ברענענדיגען צונויפגעדרעהטען ציגאר־טיטון און איהם צוגעטראגען צו איטע'ס ליפען. זי האט א פיפסע געטהון, רעש'דיג, אונגעשיקט, ווי מיט קישעלער.

— פ־פע! — האט זי זיך אבגעהוסט. — רויך, און מעהר גארנישט.

ער האט געשמייכעלט.

— רויך, אבער ס'איז גוט.

— וואס איז דא די גוטקייט? ביטער, און פערנעהמט אין די אויגען.

ער האט צוריקגעלאכט.

— אבער גוט, — האט ער ווידערהאלט.

און א וויכער פון ברענענדער בושה און ברענענדער חוצה האט פערדרעהט די צוויי יונגע מענשען אין זיינע פאלדען. —

ג.

דעם איבערגאנג צו דער שפע פון שוועהר'ס הויז האט ער אנגענומען אהן קבצנ'ישער זשעדנעקייט. בלויז אין איין־איינציגער זאך האט ער זיך נאכגעגעבען: ער האט געברויכט דעם בעסטען טאבאק וואס ער האט נאר געקענט קריגען. יונגעלייטלעך אין קלויז האבען געוואוסט דערפון און האבען זיך אפט און גערן בענוצט מיט זיין טאבאק־פושקע.

ר' שואל'ס עלטערער איידעם, נחמיה, האט איהם אמאל אבגערופען אין קלויז אן א זייט:

— וואס לאזסטו זיי אויסרויכערן דיין טיטון, די חזירים? ניש'קשה, אליין קויפען זיי מאחארקע.

מנשה האט איהם רוהיג אנגעקוקט.

— ווי קאן מען אבזאגען יענעם א ציגאר־טיטון?

נחמיה האט געווארפען א פארזיכטיגען בליק ארום. 'איין אייגעל האט זיך ביי איהם פערמאכט און דאס צווייטע האט אויפגעשיינט מיט חכמה.

# Smoke

LAMED SHAPIRO

## 1.

At the first puff his face turned deep red, as if he were straining to lift a heavy load. He broke into a violent cough. Still, there must be something to it: the grownups smoked. He grew stubborn—and got used to it.

His father was a poverty-stricken teacher, and besides boys aren't supposed to smoke—so he picked up butts.

Later, studying in the synagogue, he would occasionally have a pack of tobacco. He never denied anyone a cigarette when he had it; he was never ashamed to ask for one when he didn't.

His name was Menasha.

From the synagogue he went as son-in-law to Reb Shoel Marawaner. Reb Shoel himself came to the synagogue with the matchmaker. The imposing Jew with the drooping eyes examined Menasha for a few minutes: a tall youth, broad and sturdy; the half-length frock coat of the Hasidic merchant will fit him perfectly. Reb Shoel peered into the book Menasha was studying, asked a few questions, began a casual conversation, and while glancing sideways listened with pricked-up ears to the youth's modest, somewhat cryptic replies. Rising suddenly from the bench, Reb Shoel ended the conversation with, "Bring your phylacteries."

## 2.

In one of their most intimate moments his young wife asked, "Tell me, what sort of taste do you get from your cigarette? Give me a puff—let me try it."

He took the rolled-up burning cigarette from his mouth and moved it to her lips. Etta's lips closed like two pillows over the cigarette.

"Phew!" she coughed. "It's only smoke."

Menasha smiled. "Smoke—but it's good."

"What's so good about it? It's bitter and gets in your eyes."

He laughed. "But it's good," he repeated, as a whirlwind of shame and shamelessness wrapped the two young people in its folds.

## 3.

He accepted the wealth of his father-in-law's household without betraying any of the pauper's greed. In only one thing did he indulge himself: he used the best tobacco that could be had. Knowing this, the younger people in the synagogue would frequently dip into his tobacco tin.

Once Reb Shoel's older son-in-law, Nehemiah, called Menasha aside. "Why do you let them smoke up your tobacco, those pigs? They themselves buy *mahorka*."

Menasha looked at him quietly. "How can you refuse anyone a cigarette?"

Nehemiah turned and glanced cautiously around the synagogue. One eye closed, the other lit up with wisdom. "Fool, don't you understand? Do as I do—two kinds," he burbled with a little laugh.

— שוטה, וואס פערשטעהסטו דא נישט? טהו אזוי ווי איך: צוויי סארטען.

ער האט זיך פערחלינעט מיט א געלעכטערל.

מנשה האט דערויף גארנישט געזאגט, נאר קיין צוויי סארטען טאבאק האט ער נישט איינגעפיהרט.

ער האט פערבראכט אין קלויז, געלערנט אין דער היים און שפאצירט מיט'ן שטעקען אין האנד. צייטענווייז פלעגט ער זיצען און שווייגענדיג זיך צוהערען צו געשפרעכען וועגען מסחר, וואס ר' שואל האט געפיהרט מיט יודען סוחרים. אין יענע יאהרען פלעגט מען „פאהרען קיין דאנציג", אדער קיין לייפציג, אדער קיין קעניגסבערג. ר' שואל איז געווען פון די דאזיגע פאהרער קיין דאנציג. דעם עלטערן איידעם, נחמיה'ן, האט ער געעפענט א שניטקראם: „זעץ זיך אוועק און מעסט לייווענד". נחמיה האט געוועהן געפרובט א רעד טהון וועגען „דאנציג", האט איהם דער שוועהר מיט בטול אוועקגעמאכט מיט דער האנד. מיט מנשה'ן האט ער וועגען מסחר קיין ווארט נישט גערעדט. מנשה האט אויך געשוויגען. ביז איטע איז געליגען געווארען און געבוירט א צווילינג — צוויי יונגלעך.

דעם אווענד נאכ'ן דאפעלטען ברית האט דער שוועהר אריינגערופען מנשה'ן אין א בעזונדערן חדר, האט איהם דערלאנגט א פעקעל אסיגנאציעס און געזאגט:

— פאהר.

מנשה האט זיך אביסעל געשראקען.

— איך ווייס דאך גארנישט וואס און ווען...

— וועסט שוין וויסען. אז דו'סט פטר'ן דאס ביסעל געלד, וועסטו וויסען.

דאס איז געווען חנוכה־צייט. ערב פסח איז מנשה געקומען צוריק. מ'האט פרעהליך פערבראכט די ערשטע צוויי טעג יום־טוב און „דאנציג" אפילו נישט דערמאנט. ערשט אין אווענד פון צווייטען טאג, מיט'ן אריינטריט פון חול־המועד, האט ר' שואל איינגעלאדען מנשה'ן צו זיך אין צימער.

— וואס הערט זיך?

— איך ווייס שוין א ביסעל, — האט מנשה געענטפערט און געווארען רויטליך.

ר' שואל האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

און נאך פסח האט מנשה ווידער געקראגען א פעקעל אסיגנאציעס און איז אוועקגעפאהרען קיין דאנציג. פון דעמאלט אן פלעגט ער פאהרען רעגעלמעסיג אויף צוויי־דריי חדשים יעדעס יאהר, און מאנכמאל צוויי מאל א יאהר. —

ד.

מיט'ן גאנג פון די יאהרען זענען קינדער געווען פול אין אלע ווינקעלער פון הויז. אייניגע האבען געהאלטען אין אונטערוואקסען. אנדערע האבען ארומגעפויזעט, נייע זענען געבוירען געווארען. ר' מנשה — ער איז געווארען „רב" מנשה אונטער דער צייט — האט צוגעקוקט און רוהיג געלאכט. ר' שואל איז שוין נישט געווען, זיינע געשעפטען זענען איבערגעגאנגען צו ר' מנשה'ן, ווי אויך דאס אלטע הויז מיט די ברייטע חדרים.

אין די חדשים פון יאהר וואס ר' מנשה האט פערבראכט אין מאראוואן האט ער געלעבט ווי פריהער: בעזוכט צוויי מאל טעגליך די קלויז, בייטאג געלערנט, אין אווענד געשמועסט פון געשעפט. איין ענדערונג האט אויסלאנד געמאכט אין זיינע געוועהנהייטען: ער האט גערויכערט ציגארען.

— א ציגארעטקע איז א יונגעלשער עסק, — האט ער שמייכלענדיג ערקלערט. — א יוד מיט א בארד, א טאטע פון קינדער, דארף רויכערן א ציגאר. די דייטשען זענען נישט קיין נאראנים.

ציגארען זענען נישט געווען דאס איינציגע וואס אויסלאנד האט מיטגעבראכט, נאר דערפון האט געוואוסט נאר איטע אליין. דאס הייסט, נים געוואוסט — געשפירט. ווי אזוי האט ער דארט געלעבט אין דעם אויסלאנד? וואס איז דאס אזוינס איבערהויפט, דאס דאזיגע אויסלאנד? — וועגען דעם האט זי נים געטראכט, נאר איהר האט זיך עפעס געדאכט, אז דער יוד ווערט וואס אמאל ברייטער און העכער, און ס'האט זי געוואונדערט, וואס די מאס פון זיינע מלבושים ענדערט זיך נישט. ער האט געהאט אזא טבע צו שמייכלען מיט די אויגען אליין, און דער דאזיגער

Menasha said nothing. But he did not introduce two kinds of tobacco.

He frequented the synagogue, studied at home, strolled about with a stick in his hand. Often he would sit quietly, listening to the business conversations Reb Shoel held with Jewish merchants. Those were the years of journeying to Danzig or Leipzig or Königsberg. Reb Shoel was one of the travelers to Danzig. For his older son-in-law Nehemiah he opened a dry-goods store: "Sit and measure linens." Nehemiah would have preferred to talk about Danzig, but Reb Shoel dismissed him with a wave of the hand. To Menasha he never said a word about business. And Menasha too was silent—until Etta was brought to bed and gave birth to twins, boys.

The evening after the double circumcision the father-in-law called Menasha into his room, handed him a packet of money, and said, "Go."

Menasha was a little frightened. "I don't even know where or what—"

"You'll learn. When you're rid of the money you'll know."

This took place during *Chanukah*. By Passover, Menasha was back. They celebrated the first two days of the holiday, and Danzig was never mentioned. Only on the evening of the second day did Reb Shoel invite Menasha to his room.

"What's new?"

"I've learned something," said Menasha, blushing.

Reb Shoel nodded.

After Passover, Menasha received another roll of bills and left for Danzig. From then on he would travel regularly for two or three months each year, and often twice a year.

4.

With the passage of the years children sprang up in every corner of the house. Some were getting older, others crawled around, new ones were born. Reb Menasha—in time he became "Reb" Menasha—looked on and laughed quietly. Reb Shoel was no more; his business had been taken over by Reb Menasha, as had the old house with the spacious rooms.

During the months Reb Menasha stayed home in Marawan he lived as before: visited the synagogue twice a day, studied in the afternoon, talked business in the evening. The outer world made one change in his habits: he smoked cigars.

"A cigarette is for a youngster," he explained, smiling. "A Jew with a beard, a father of children, has to smoke cigars. The Germans are no fools."

Cigars were not the only thing that the outer world had brought, but of this only Etta knew. That is, she did not know: she sensed. How did he live there, in that outer world? What was it really like? She did not think about this, but it seemed to her that her husband grew steadily broader and taller, and she wondered why the measure of his clothes did not change. He had a habit of smiling with his eyes alone, and this

שמייכלענדיגער בליק האט זי אריינגענומען אין זיך און זי מיטגעטראגען ערגעץ אהין, וואוהין ער האט געפלאסען רוהיג, טיעף, אהן אבשטעל, ווי דער גרויסער טייך וואס איז יאהר־איין יאהר־אויס געגאנגען פארביי דער שטאדט אין די ווייטע וועלט אריין. דאס האט זי נישט געשראקען; פערקעהרט, זי האט זיך געפיהלט זעהר געזיכערט אין דעם דאזיגען ברייטען שטראם ערגעץ אהין. און מאנכמאל האט זי זיך געטוליעט צו'ם מאן און אפילו פרובירט צו נעהמען א ציה פון זיינע ציגארען. דאס האט געפיהרט צו טרערען אין די אויגען און ספאזמען פון הוסט, און ער האט זי לייכט געקלאפט איבער דער פלייצע און געלאכט. —

ה.

אין שטוב האבען זיך שוין ארומגעדרעהט א פאר חיבשע בחורים, און א גאנצע מחנה קליינווארג און האלבוואוקס האבען זיך געשטויסען און געשטופט נאך זיי.

דאנציג איז שוין נישט געווען דאס דאנציג וואס אמאל. איטע האט געדריקט און געדריקט די הוצאה ארונטער; בלויז אויף ר' מנשה'ס ציגארען האט זי צו קארגען נישט ערלויבט, און ער האט איהר דעריין נישט געשטעלט זיך דערגעגען. לסוף איז עס געקומען אזוי ווייט, אז די פאמיליע האט געמוזט פערלאזען דאס אלטע הויז מיט די ברייטע חדרים און געהן אין שכנות. דעמאלט האט ר' מנשה זיך אוועקגעזעצט אויף א טאג ביי זיך אין צימער און א שטארקען טראכט געטהון וועגען דעם, וואס איז דער מעהר מיט דאנציג. ער איז געזעסען, געקוקט אין פענסטער, געריכערט ציגארען און געטראכט. און צומארגענס איז ער אוועקגעפאחרען אויפ'ן דאן.

ער האט זיך ארומגעשטויסען אין סאכיגען ראיאן צווישען אונטערשטען דאן און קאספישען ים עטליכע וואכען נאכאנאנד, האט געקוקט, געטראכט, געצעהלט און גערעכענט — און לסוף האט ער מיט דער רעכטער האנד פערבויגען א פינגער אויף דער לינקער און געזאגט: „קאוויאר". און האט זיך גענומען פערבינדען דעם דאן מיט דאנציג.

דאס פערבינדען האט געדויערט צוויי יאהר, וואס זענען געווען די שווערסטע פאר די פאמיליע אין דער היים. נאר אז ער האט נאך די צוויי יאהר פערלאזען דעם דאן אויף עטליכע חדשים אברוה, האט מען אין דער געגענד אנגעהויבען צו דערמאנען פערגאנגענע פאסירונגען לויט א נייעם לוח: די און די מעשה איז געשעהען אין דער צייט „ווען ר' מנשה מאראוואנער האט אנגעהויבען צו פאהרען אויפ'ן דאן". און אז ער איז געקומען אהיים, האט ער צוריק אבגעקויפט דעם אלטען ר' שואל'ס הויז, און דאס לעבען איז אוועק ווי אין די פריהעריגע יאהרען.

קיין דאנציג איז ער איצט געפאהרען איינמאל אין צוויי־דריי יאהר, דערפאר אבער האט ער צוויי דריטעל פון זיין צייט פערבראכט אויפן דאן. נאכ'ן קאוויאר האט ער געלאזען אין גאנג געריכערטע „וואבלא", און נאך דער וואבלא — א לאקאלען סארט סארדינען וואס ער אליין האט זיי ענטדעקט. ער האט פערדיענט פיעל און פיעל פערלעבט: איין קינד נאכ'ן צווייטען איז געוואקסען, האט געלעבט און געלערנט און איז לסוף געשטעלט געווארען מיט'ן פאטער'ס הילף אויף אייגענע פיס. צו דער חתונה פון דער מיזינקע האט ער צונויפגערופען אלע קינדער. מ'האט זיך משמח געווען נאר אויפ'ן גרויסען, פארצייטיגען שטייגער, און צו'ם סוף פון שלייער־ווארמעס האט ר' מנשה זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל אויבענאן ביי'ם טיש.

— קינדער — מעהר פאהר איך נישט אויפ'ן דאן. איך האב געלאזען פאר מיר מיט דער אלטער צו דערלעבען אונזער פאר יאהר — דאס איבריגע נאט אייך אוועק. פאהרט געזונדערהייט, און זאל דער אויבערשטער געבען, איהר זאלט אבלעבען אייערע יאהרען נישט ערגער ווי איך האב אבגעלעבט מיינע. פאר אונז דארפט איהר נישט דאגה'ן — מיר וועלען צו'ן אייך נישט אנקומען.

smiling glance wrapped her into itself, carrying her along in a flow that was peaceful, deep, and unceasing, as the river that passed by the town flowed, year in and year out, into the distant world. She was not frightened; on the contrary, she felt secure in this wide stream. And many times she curled up against her husband and even tried to take a puff from his cigar. But this only brought tears to her eyes and spasms of coughing. He would slap her lightly on the back and laugh.

5.

There were already a few sizable boys in the house, and a whole flock of half-grown ones and small fry were pushing after them.

Danzig was no longer the Danzig of old. Etta skimped—except for Reb Menasha's cigars, and in this one regard he did not oppose her. It went so far that the family had to leave the old house with its spacious rooms and rent another. At that time Reb Menasha sat down by himself in his room and became engrossed in the problem: what is wrong with Danzig? He sat there, looking through the window, smoking cigars, reflecting. The next day he left for the Don.

For several weeks he wandered about in the tumultuous region between the lower Don and the Caspian Sea, observing, considering, counting, measuring—and at the end he bent a finger of his right hand with his left and said, "Caviar." And he began to connect the Don with Danzig.

He was away for two years, and these were the hardest for the family at home. But after these two years, when he came home to rest for several months, people began to figure according to a new calendar: this or the other incident occurred "at the time Reb Menasha first went to the Don." And when he came home he bought back Reb Shoel's house and life continued as in earlier times.

He would now go to Danzig only once every two or three years, but for that very reason he spent two-thirds of his time on the Don. After caviar, he began to trade in smoked *wobla*—a local kind of sardine he had himself discovered. He earned much and spent much: one child after the other grew up, lived, and studied. In the end the father put each of them on his feet. For the wedding of the youngest he called together all his children. They celebrated in the old style, and at the end of the wedding meal Reb Menasha rose at the head of the table.

"Children, I shall no longer go to the Don. I have enough for myself and the old lady to live out our few years. The rest is for you. Go in good health, and may the Almighty let you live your years no worse than I have mine. You need not worry about us—we will not burden you."

## ו.

דאס לעבן האט געפלאסן ווי א טייך נאהנט פון זיין אויס־גוס: וואס ברייטער און טיפער, אלץ גלאסענער און רוהיגער. דעם יודענ׳ס הויכער, גלאטער שטערן האט געוויזן בלויז איין דינעם, לאנגען קנייטש פון שלייף צו שלייף, און די שווארצע האר האבן ערטערווייז שוואך געווייסעלט. אין די זומעריגע פריהע פארנאכטן, אינ׳ם אראנזשען־גליה פון דער פארגעהענדער זון, פלעגט ער, ווי פריהער, שפאצירן מיט׳ן שטעקן אין האנד, און זיין טראט איז געווען געמאסטן און זיכער, און דער רוקן איז געשטאנען גלייך אונטער׳ן נאקן. נאר די אויגן האבן געקוקט פערטראכט, שטארק פערטראכט.

אין די מיטעל־יאהרן פלעגט ער לערנען מייסטענס מיט די אויגן. איצט האט זיין שטימע עפטער געקלונגען אין דער אל־טער קלויז אין די שטילע בייטאגן, האט געצויגן דעם מילדן און אומעטיגן ניגון פון זיין יוגנד, געצויגן איהם דין און דינער, שטיל און שטילער, ביז ער האט געזונקען אין דער ארומיגער שטיל־קייט ווי דער נאכציטער פון א סטרונע — און ווידער זיך געהויבן און געשטיגן ביז צו זיין פולן קלאנג. דאס איז געווען זיס און ביטער, ווי קינדערשע טרערן.

ער האט גערן פערבראכט אין קלויז מיט די יונגערע לערנער אין שמועסן וועגן תורה און דרך־ארץ. וועגן אויסלאנד און זיין לעבן ווייט פון דער היים האט ער זיך נישט אריינגעלאזן אין צופיעל פרטים.

— מענשן לעבן און שטארבן דארט אזוי ווי ביי אונז, — האט ער קורץ געענטפערט און געשמייכעלט מיט זיינע אויגן. — א סלאוויטער ש״ס אדער א לייפציגער — וואס איז די נפקא מינה? נישטמעהר, דער דפוס און די טאוולען. דער תוכן, ווידער —

און פערקוקט זיך אויפ׳ן שנירעלע רויך, און געהיט, אז דאס ווייסליכע אש, וואס איז ווי א טשערקעסישע „פאפאכע" געזעסן אויפ׳ן קעפעל פון זיין ציגאר, זאל נישט ארונטערפאלן און זיך האלטן אזוי לאנג ווי מעגליך.

קומענדיג איינמאל נאך שחרית פון קלויז מיט׳ן טלית און תפלין אונטער׳ן ארם, האט ר׳ מנשה געטראפן אין הויז זיסלען, דעם יונגסטן פון זיינע זיהן.

— אהא! כ׳האב אבער געוואוסט, אז דו׳סט קומען.

דעם יונגענמאן האבן זיך געביטן די קאלירן אין פנים.

— נו־נו, — האט איהם דער פאטער בערוהיגט, — איך האב נישט געמיינט דיך מבייש צו שטעלן. עס געהט דיר נישט גוט, אה? אבער פריהער געה וואש זיך, וועלן מיר עסן ווארעמס.

ר׳ מנשה האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ אויסהערענדיג דעם זוהנ׳ס געשיכטע: געווען זעהר א גוטער פלאן... ווער זאל זיך ריכטן, אז...

— כ׳האב געוואוסט, אז דו׳סט קומען: ביזט א ריזיקאנט און אביסעל איבעראיילט, — אבער סט׳זיך אויסלערנען. פאר דיר טאקי האב איך אבגעלעגט א קליינע סומע געלד. ס׳איז נישט קיין סך, אבער — וועסט קאנען אנהויבן פון דער התחלה, און האלט דיינע אויגן אפען. נא, אט האסטו דאס, און — קום נישט מעהר נאך קיין געלד: ס׳איז נישטא. מיר זענען אלטע לייט, און טאמער שטארב איך פריהער, זאל דיין מאמע נישט בלייבן ווי אויפ׳ן וואסער. צו׳ן אייך, קינדער, וועט זי נישט פאהרן.

— יא, נאך א זאך, — האט ער דעם זוהן צוריקגערופען פון דער טיר: — היינט זענען נישט אמאליגע יאהרן. אין מיינע ציימן, אז א יוד איז געקומען קיין דאנציג מיט א ברייטער בארד און א הויכען שטערן, איז דאס געווען גענוג; אז דער קארן אדער ווייץ אויף דער האנד איז געווען גרויס און שעה, האט מען פערקויפט מיט ריוח, אז נישט, האט מען געהאט היזק. מיר האבן אונזערע מסחרים נישט געפיהרט, זיי זענען אליין געגאנגען. אז די וועלט איז היינט אן אנדערע דארף איך דיר נישט דערציילען, ביזט יונגער פון מיר. דעריבער, פערשטעהסטו מיך, איז דאנציג נישט דאנציג, און די בארד מיט׳ן שטערן זענען קיין סחורה נישט. היינטיגע מסחרים דארף מען פ י ה ר ע ן, פערשטעהסט? נו, פאהר געזונטערהייט, און זיי מצליח. —

## 6.

Life flowed like a river nearing its mouth: the wider and deeper, the more peacefully and quietly. Menasha's high smooth forehead showed only one narrow crease from temple to temple, his black hair had grayed in only a few places. In the early summer evenings, against the orange glow of the sinking sun, he would stroll, as always, with his stick in hand; and his step remained certain and measured, his back strong and erect. Only his eyes were absorbed, deeply absorbed.

In his middle years he had studied mainly with his eyes. But now, in the quiet afternoon, his voice would rise more frequently through the old synagogue, taking up the mild and sad melody of his youth, taking it quietly, still more quietly, until it sank into the surrounding stillness, like the reverberation of a string—and then rising again until it reached its full strength, sweet and bitter, like the tears of childhood.

He enjoyed spending his time in the synagogue with the younger students, discussing Torah and justice. About the outer world and his life away from home he said little.

"People live and die there just as they do here," he would answer shortly, smiling with his eyes. "A Talmud made in Slawite or in Danzig—what's the difference? Only the printing and the covers. The content on the other hand—" And he would stare at the thread of smoke, taking care that the white ash, which sat like a Cossack's hat on the head of his cigar, should not fall but remain there as long as possible.

Coming home one morning from the synagogue with his prayer shawl and phylacteries under his arm, he found Ziessel, his youngest son. "Ah! I knew you'd come."

The young man's face changed color.

"Now, now," his father soothed him. "I did not mean to shame you. Things don't go well, eh? But first wash, and then we'll eat."

Listening to his son's story, Reb Menasha nodded his head: a fine plan . . . who could have expected that . . .

"I knew you'd come. You're rash and a little hasty, but you'll learn. I put away a small sum for you. Not much, but you'll be able to start again; and keep your eyes open. Here, take it—and don't come for more: there isn't any. We are old, and if I die first your mother must not be left in want. She won't go to you children.

"And another thing—" He called back his son from the door. "Now it's not like the old days. In my time, when a Jew came to Danzig with a thick beard and a high forehead, it was enough; if the corn and wheat were good one sold them at a profit, if not, one had a loss. We didn't run our business, it ran itself. That the world is now different I needn't tell you—you're younger than I. Danzig is no longer Danzig, the beard and the forehead no longer assets. Nowadays business has to be conducted,

## ז.

א זומער און א ווינטער און א זומער זענען אוועק, און ווידער איז געקומען דער ווינטער, פריהצייטיג און ביטער, מיט שנייען

## 7.

A summer and a winter passed, and then another summer. Again the winter came, early and bitter, with snows and frosts and wild angry

און פרעסט, און ווילדע, פערביסענע ווינטן. אין טבת האט ר. מנשה זיך צוגעקיהלט, א הוסט געטהון און געלאזען בלוט פון האלז: דאס האט זיך אבגערופען אן אלטע לונגענענטצינדונג, נאך פון די ערשטע דאנציגער צייטען, וואס מ'האט געמיינט, אז זי האט קיין שפורען נאך זיך נישט געלאזען. עס איז צוגעגאנגען שנעל, און אין א גרויען פריהמארגען, ווען די שיטערע שנייקאשע אויף די גאסען האט זיך פאר מענשען אין די אויגען געשמאלצען אין וואסער און די לופט האט געשמעקט אנדערש אהן א פארוואס, זענען כמעט אלע קינדער, צונויפגעלאפענע פון דער וועלט, געשטאנען ארום טאטענ'ס קראנקען בעט. א פאר חשוב'ע בעלי־בתים און דער רב פון שטאדט זענען דא געבליבען נאך פון בייננאכט.

שוין פון א פאר שטונדען האט דער חוסט דעם חולה אבגעלאזען, די היץ איז אויך געפאלען, נאר דער יונגער דאקטאר איז נישט אוועקגעגאנגען. ער איז געזעסען נישט ווייט ביי א טישעל, האט נערוועז געדרעהט זיין בליישטיפט צווישען די פינגער און געשוויגען.

ר' מנשה האט געעפענט די אויגען. ס'איז שווער געווען איהם צו דערקענען, נאר די אויגען זענען געבליבען דיזעלבע — מיט'ן פערבארגענעם שמייכעל אין זיי. ער האט געבעטען רויכערן.

— סטייטש, טאטע —

נאך דעם דאקטאר'ס א קוועטש מיט די אקסלען האט מבטל געווען זיסעל'ס פראטעסט. ער איז בלאס געווארען און דערלאנגט דעם פאטער א ציגאר.

— נישט דאס, — האט דער קראנקער געזאגט. — האט נישט ווער א ציגאר־טיטון?

און זיינע אויגען האבען געשמייכעלט.

ער האט א ציה געטהון דאס דינע פאפיראסעל און א רוף געטהון:

— איטע...

זי האט אוועקגענומען די הענד פון די אויגען און זיך ארויסגערוקט פון איהר ווינקעל. די לעצטע צייט האט זי געקראגען א נייגונג צו פעטקייט און אביסעל א קורצען אטהעם. איצט איז איהר קליין קיילעכדיג געזיכט געווען צונויפגענומען, ווי א פערדריקט קינדערש פויסטעל, און איהר בליק הילפלאז און פערלוירען: דער טייך, שוין נאך ביי'ם סוף, האט זי ארויסגעווארפען אויף א פרעמדען ברעג, און אליין איז ער אוועק אין ים־אוקינוס, וואוהין אלע טייכען פאלען אריין.

— מנשה, מנשה! — האט זי שטיל געזאגט.

— ווילסט א ציה? — זיינע אויגען האבען געלאכט. — ס'איז רויך, אבער ס'איז גוט.

א וויכער האט א דרעה געטהון אין זיינע פאלדען דאס אלטע וויבעל. זי האט ארויסגעלאזען גלייכצייטיג א וויין, א לאך און א הוסט, ווי רויך וואלט זי געשטיקט. ר' מנשה האט אוועקגעלעגט דאס פאפיראסעל און א וואונק געטהון צו'ם רב. יענער איז צוגעגאנגען צו'ם בעט און אנגעהויבען זאגען מיט איהם ודוי.

נאך די ערשטע עטליכע ווערטער איז דער חולה זיך פערגאנגען אין א הוסט. דער הוסט האט קיינמאל נישט אויפגעהערט: ער איז פערגליווערט געווארען, און איז אזוי פערבליבען — א פערגליווערטער הוסט.

winds. In December, Reb Menasha caught cold, coughed, and spat blood: it was the return of an old inflammation from the early days in Danzig, which was supposed to have left no scars. It spread quickly, and one gray morning, when the thin snowflakes melted in people's eyes and for no reason at all the air smelled different, his children came running from the outer world to stand by their father's bed. A few old friends and the rabbi had remained through the night.

For several hours the cough had not troubled the sick man and his temperature had fallen, but the young doctor did not leave. He sat not far away, at a table, and silently twisted his pencil between his nervous fingers.

Reb Menasha opened his eyes. It was hard to recognize him, but the eyes with their hidden smile had remained the same. He asked for a smoke.

"But Papa—"

The doctor's shrug cut short Ziessel's protest. He turned pale and handed his father a cigar.

"Not that," said the sick man. "Hasn't anyone a cigarette?" And his eyes smiled.

He took a puff from the thin little cigarette and called, "Etta . . ."

She lowered her hands from her eyes and dragged herself out of the corner. In recent years she had become rather fat and short of breath. Now her small round face was drawn together like a child's fist, and her glance seemed helpless and lost: the river, close to its end, threw her upon an unknown shore.

"Menasha, Menasha," she whispered.

"Want a puff?" He laughed. "Smoke . . . but it's good."

A whirlwind seized the old woman. She let out a cry, a laugh, a cough, all at the same time, as if smoke were choking her. Reb Menasha put aside the cigarette and winked to the rabbi, who went over to the bed and began reciting the last prayer with him. After the first few words Reb Menasha lost himself in coughing. The cough never ceased: it froze in the air, and there it remained.

*Translated by Irving Howe and Eliezer Greenberg*

